ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א


בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך


גליון
◇ ד' ◇
לך לך תשע"ב לפ"ק
כיתה ח' ט'


תתתתרצח) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם יעקב הכהן גלאנצער ע"ה

### מיינע מוסדות קומען פריער

דער זיידע איז געווען זייער נאנט ביי רביה"ק **בעל דברי יואל זי"ע**, און ער האט געוואוסט ווי שטארק דער רבי האלט נאנט צום הארץ זיינע הייליגע מוסדות, און ווי שטארק עס אינטערעסירט אים זייער קיום וואס ער זעהט דערין זיין עיקר הצלחה אין זיין עבודת הקודש, האט ער געטון אלעס אויף די וועלט פאר די הצלחה פון די מוסדות.

דער רבי זי"ע האט אים געזאגט אמאל, ווען דער עולם האט זיך נישט באשטייערט פאר די מוסדות געהעריג, בזה"ל "איך הייס טאקע געבן צדקה פאר יעדן איינעם, אבער מ'דארף אליינס האבן שכל אז מיינע מוסדות קומען פריער". (חיים הערש גלאנצער, ברוך יודא מיטעלמאן, דוד מאיר ווייס, דוד מאיר גוטמאן, יואל שלמה זלמן גוטמאן)

תתתתרצט) עס האט דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' ישראל דוד ווייס ע"ה

### פאר די 'פיצעלעך'

דער זיידע איז געווען זייער שטארק דבוק אין **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, נאך פון ווען ער איז געווען רב אין קראלי, און שפעטער איז ער געווען פון די געטרייע חסידים, וואס האבן עוסק געווען בלב ובנפש לטובת די הייליגע מוסדות הקדושים. ובפרט פאר די מוסדות אין קרית יואל וואס ער פלעגט ארומגיין נאך געלט ביי אלע חתונות פאר די 'פיצעלעך', און מיט הארץ און לעבן האט ער זיך אוועק געגעבן פאר דעם רבי'נס מוסדות.

איינמאל ווען ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן הדבר"י זי"ע, האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים "ווייסט ישראל דוד, איך האב זיך פונקט דערמאנט אז עס איז שוין פינף דורות וואס עטס זענט ביי מיר, ווען איך האב זיך געצויגן קיין סאטמאר נאך מיין חתונה בשנת תרס"ה, האב איך געפעגנט א קליין ביהמ"ד און איך האב זיך געמוטשעט מיט מנין, איז געווען דיין עלטער זיידע ר' משה חיים (ווייס) וועלכער איז שוין געווען א איד א זקן, און ער פלעגט קומען יעדן טאג משלים זיין דאס מנין, און אויך זיין זון דיין זיידע ר' דוב האט געדאווענט ביי מיר, און אויך זיין זון דיין טאטע ר' אהרן הערש פלעגט זיין ביי מיר, דו ביסט דאך אויך ביי מיר, און די קינדער לערנען ביי מיר אין די ישיבה, אזוי איז שוין פינף דורות וואס עטס זענט ביי מיר". (ר' ישראל דוד ב"ר אהרן צבי ע"ה, היארצייט ד' לך לך, ה' מרחשון) (אהרן צבי ווייס, ישראל דוד קאפפעל)

תתתתש) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם מרדכי פריעדמאן הי"ו

### ער איז נישט חושד...

מיין טאטע הרה"ח ר' אשר זעליג ע"ה האט געהאט א פעקטארי, וואו עס האט געארבעט א גוי וואס האט אים אפגעטון אסאך צרות. איינמאל ווען מיין טאטע האט שטארק געליטן פון דעם גוי האט ער געזאגט אז אויב ער ווערט פטור פונעם גוי וועט ער געבן טויזנט דאללער פארן רבי'נס מוסדות.

יענעם טאג האט דער גוי געזאגט אז ער פילט נישט גוט, און ער איז אוועק געגאנגען פון די ארבעט, און נאך ווארטנדיג אויף א טעקסי איז ער אראפ געפאלן אויף דער ערד טויט ל"ע.

מיין טאטע האט באלד אנגערופן צום שטוב פון **רביה"ק הדברי יואל זי"ע** און דערציילט די מעשה, ווען דער רבי האט געהערט די מעשה, האט ער געזאגט "איך וויל זעהן דעם איד".

עטליכע טעג דערויף, אין איינע פון די ימי החנוכה בין איך אריין צום רבי'ן צוזאמען מיט מיין טאטן, און מיין טאטע האט איבערגעגעבן פארן רבי'ן דאס געלט.

האט זיך דער רבי אנגערופן מיט א שמייכל "איך האף אז איר זענט מיר נישט חושד דערין, ווייל איך האב פון גארנישט געוואוסט"...

האט זיך אנגערופן דער משב"ק "ער איז נישט 'חושד' דעם רבי'ן, ער ווייסט..." (שמעון הלוי רובינפעלד, אשר זעליג הלוי רובינפעלד, יואל וואלף גראד)

תתתתשא) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

### אויב איז דא עסקנים, איז דא געלט...

איך האב זוכה געווען מיטצופארן מיט **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** קיין מאנטריאל בשנת תש"כ לפ"ק.

דער רבי האט דארט געהאט זיין אכסניא אין שטוב פון הרה"ח ר' שלום וואלדמאן ע"ה. ר' שלום האט זיך דעמאלטס אויסגערעדט פארן רבי'ן אז די מוסדות פלאגן זיך זייער שווער, און זיי האבן נישט קיין געלט. האט דער רבי געענטפערט "איך בין נישט באזארגט", ר' שלום האט פארשטאנען אז דער רבי באגרייפט נישט ווי שווער דער מצב איז, האט ער ווייטער מסביר געווען ווי שטארק געענגט דער מצב איז, און דער רבי האט נאכאמאל געזאגט "איך בין נישט באזארגט".

ווען דער רבי האט געזעהן ווי ער וואונדערט זיך אזוי אויף די ווערטער, האט ער אים געזאגט **"איך בין נישט באזארגט, אז עס וועט זיין עסקנים וועט זיין געלט"...**

א צייט שפעטער איז **כ"ק רביה"ק מרן הברך משה זי"ע** געווען אין מאנטריאל, און ער האט אויך געהאט די אכסניא ביי ר' שלום אין שטוב. האט אים ר' שלום איבער דערציילט דעם שמועס וואס ער האט געהאט מיט רביה"ק הדברי יואל זי"ע.

האט זיך דער רבי מרן הברך משה אנגערופן "דער פעטער איז כולו תורה, די תורה זאגט (דברים י"ד כ"ט) **"למען יברכך ה' אלקיך בכל מעשה ידך אשר תעשה", אז עס וועט זיין עסקנים, וועט זיין געלט"**... (יעקב קרויס)

תתתתשב) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' חיים ידידי' פישער הי"ו

### ואברכה מברכך

ווען איך בין אמאל אריינגעגאנגען בקודש פנימה צו כ"ק מרן רבינו הברך משה זי"ע, און איך האב געבעטן אז דער רבי זאל מיך בענטשן.

האט דער רבי געזאגט "דו באמערקסט ווען מ'בעט אז איך זאל בענטשן א איד דארף מען מיך נישט צוויי מאל בעטן, נאר איך בענטש תיכף, דאס איז ווייל אין פרשת לך לך שטייט אין פסוק אז דער רבש"ע זאגט פאר אברהם אבינו "ואברכה מברכיך", דער וואס בענטש א איד טוט אים דער אייבערשטער באלד בענטשן, ממילא בענטש איך תיכף יעדן איד אזוי ווער איך שוין געבענטשט פונעם הייליגן באשעפער." (מענדל וואלף פישער, אליקים פישער, הערשל פישער).

תתתתשג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' ישראל מאיר גליק הי"ו

### עס ווענדט זיך ביי וועמען...

ביי די חתונה פון כ"ק אדמו"ר מקיוויאשד זצ"ל מיט די רביצין תחי' בת כ"ק הרה"ק בעל שאר ישוב מקיוויאשד זצ"ל, איז **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** נישט געווען, און ער איז געקומען אנטייל נעמען ביי א שבע ברכות.

איך האב געהאט די זכי' צו הערן ווי אזוי כ"ק אדמו"ר מהר"א מקיוויאשד זצ"ל פרעגט רביה"ק זי"ע צי דאס וואס איז ידוע פון זוהר הק' אז די אבות הקדושים קומען אראפ פון גן עדן צו די חתונות פון די אייניקלעך, צי דאס מיינט אויך די שבע ברכות, צי נאר ביי די חתונה.

רביה"ק זי"ע האט זיך פארטראכט, און דאן האט ער זיך אנגערופן "ווי ביי

וועמען...״ ד.ה. ווענדט זיך ביי וועמען. (שלום יוסף מענדלאוויטש, חיים ישעי׳ אשר מענדלאוויטש, זאב וואלף גלאנץ, דוד הלוי מערמלשטיין)

**תתתתשד) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ ישראל דוב גאלדבערגער הי״ו

### ברכת צדיק עשתה רושם

עס איז געווען ר״ח שבט תשמ״ג לפ״ק ווען עס איז נפטר געווארן הרבנית הצדיקת מרת ריבה מלכה האלבערשטאם ע״ה, די אשת חבר פון כ״ק הרה״צ **רבי דוד׳ל האלבערשטאם זצ״ל דער קשאנוב׳ער רבי**. די לוי׳ איז ארויסגעקומען קיין קרית יואל זונטאג פר׳ בא אין א שווער ווינטערדיגער טאג ווען עס איז געווען א גרויסער פרעסט און שניי אינדערויסן.

דער קישאנוב׳ער רבי איז שוין געווען בערוב ימיו קראנק און שוואך, האב איך גענומען די משפחה מיט מיין קאר צום בית החיים, צווישן זיי אויך בנה כ״ק **אדמו״ר מקיוויאשד זצ״ל**.

במשך די גאנצע צייט פון די לוי׳ האב איך זיך געזארגט פארן קשאנוב׳ער רבי׳ן, און שפעטער האב איך גענומען די גאנצע משפחה צו מיר אין שטוב, וואו זיי האבן מקבל אבילות געווען, און געדאוונט שחרית מיט טלית ותפילין, און געגעסן די סעודת הבראה, פון וואס די משפחה האט שטארק הנאה געהאט.

האב איך אויסגענוצט די געלעגענהייט און איך בין צוגעגאנגען צום קיוויאשדער רב זצ״ל, און איך האב מזכיר געווען מיינע צוויי טעכטער וואס האבן שוין חתונה געהאט עטליכע יאר און זיי זענען נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קינדער ל״ע. דער קיוויאשדער רב האט מיך זייער שטארק אנגעוואונטשן, וברכת צדיק עשתה רושם אז זיי זענען ביידע געהאלפן געווארן מיט א שנעלע ישועה, און עס זענען געבוירן געווארן צוויי מיידלעך וואס זענען על פי עצתו גערופן געווארן על שמה פון די קישאנוב׳ער רביצין ע״ה. (יצחק גאלדבערגער, יצחק טובי׳ גאלדבערגער)

**תתתתשה) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער**

## הרה״ח ר׳ שמואל עקיבא נויאוויטש הי״ו

### קנאות מיט מידות טובות

ווען דער קיוויאשדער **רב זצ״ל** איז נאך געווען א אינגערמאן האט ער געלערנט אין ישיבה ״ביהמ״ד עליון״ אין מאנסי.

איין שבת איז געקומען אין די ישיבה א איד א תלמיד חכם אן אייניקל פונעם **חתם סופר זי״ע**, וועלכער איז leider געווען פארגליטשט פון ערליכן וועג, און ער איז געווען איינגעשטעלט אינעם טרויעריג בארימטן ״שעכטער סעמינאר״ (דאס איז געווען א קאנסערוואטיווער סעמינאר, וואס האט ארויסגעגעבן פורקי עול, כופרים גמורים ומחללי שבת).

דער קיוויאשדער רב מיט זיין פייערדיג הארץ פאר כבוד שמים, איז צוגעגאנגען צו די גבאים פון די ישיבה און זיי מעורר געווען אז מ׳טאר פאר אזא מענטש נישט געבן קיין עליה לתורה, ווייל עס איז דער גרעסטער בזיון התורה אז איינער וואס איז איינגעשטעלט אין א סעמינאר וואו מ׳איז עוקר די תורה זאל עולה זיין לתורה.

די גבאים האבן אים טאקע נישט געגעבן קיין עליה לתורה ביי שחרית, אבער ביי מנחה האבן זיי אים יא אויסגערופן לתורה.

ווי נאר דער קיוויאשדער רב האט געהערט אויסרופן יענעמס נאמען, האט אין אים אויפגעפלאקערט א קנאות דקדושה, און ער איז צוגעלאפן צו די ספר תורה און געמאכט די ברכה, אזוי האט יענער נישט געקענט עולה זיין.

עס איז געווארן א טומל צווישן די בני הישיבה, עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געהאלטן אז ער האט געטון א עולה, און ער איז נישט געווען בארעכטיגט דאס צו טון. צווישן די בני הישיבה זענען געווען אזעלכע וואס האבן אים געוואלט געבן שלעק פאר אזא מעשה, און זיי האבן דאס שוין געהאלטן ביים אויספירן.

ווען דער ראש ישיבה **הגאון רבי ראובן גראזאווסקי זצ״ל** האט באמערקט דעם טומל, האט ער אים געשיקט רופן, און ער האט אים געזאגט ברבים מיט א גרויס שמייכל ״א גוט שבת״. און דאס איז געווען א צייכן פאר די תלמידים אז דער ראש ישיבה איז צופרידן מיט דעם אקט.

שפעטער האט ער דערציילט די מעשה פאר זיין שווער **כ״ק אדמו״ר הרה״ק רבי אלעזר שפירא זצוק״ל מקיוויאשד**, און ער האט אים געפרעגט צי ער האט גוט געטון, האט אים דער שווער געזאגט ״דו האסט זיכער געטון וואס עס האט אויסגעפעלט אויף די מינוט, אבער אפשר יעצט דארפסטו אים גיין מפייס זיין?״. האט דער רב ז״ל געפרעגט דעם שווער ״זאל איך גיין מפייס זיין?״. האט דער שווער געזאגט ״די שאלה דארף פסק׳ענען דער סאטמארער רבי״.

איז ער געגאנגען צו **רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע** און אים געפרעגט די שאלה, דער רבי האט הנאה געהאט צו הערן די מעשה קנאות, אבער ער האט געזאגט ״האסט גוט געטון, אבער זיי איהם מפייס״.

צווישן די בריוו וואס דער קיוויאשדער רב ז״ל האט געהאט איז געווען א בריוו פון יענעם מענטש, אין וועלכן ער שרייבט אז ער האט באקומען זיין בקשת מחילה און ער איז אים מוחל.

דאס איז געווען די הייליגע קנאות פון ערליכע אידן, וואס צוזאמען מיט זייער הייליגע קנאות און מלחמה קעגן משנאי ה׳ האבן זיי זיך געהאלטן צו מידות טובות וישרות. (פנחס דוד הלוי פריעדמאן, זאב וואלף גלאנץ)

**תתתתשו) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ שמואל הכהן פריעדמאן שליט״א משב״ק

### תהילים מיט ווארעמקייט

ס׳איז דא אן אויסדרוק ביי מענטשן ״טיי און תהילים קען נישט שאטן״... איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען דעם פשט אין די ווערטער, און וואס פארא שכל עס ליגט אין דעם, ביז ווען איך האב דאס אמאל געהערט פון כ״ק **מרן בעל ברך משה זי״ע**.

געווען איז דאס איינמאל אינמיטן לערנען, דער רבי איז דעמאלטס געווען אביסל פארקילט, און דער הויז-בחור איז אריינגעקומען מיט א טיי, רופט זיך דער רבי אן בזה״ל: ״מ׳זאגט אז טיי און תהילים קען נישט שאטן, איין תנאי איז אבער דא, עס דארף זיין ווארעם״... (יואל הכהן פריעדמאן, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן)

**תתתתשז) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ משה יודא בר״מ גאלדבערגער הי״ו

### אין זכות פון העלפן דעם רבי׳נס מוסדות

ער האט אמאל געדארפט האבן א גרעסערע סומע געלט צו געבן א דעפאזיט, און אויב ער וואלט דאס נישט געגעבן יענעם טאג, וואלט ער אויסגעשטאנען א גרויסן געלט שאדן. אבער וויבאלד ער האט נישט געהאט דאס געלט אויפן פלאץ איז ער געווען באזארגט פון וואו ער זאל שאפן דאס געלט.

יענעם טאג באקומט אונזער באבע תחי׳ א טעלעפאן קאל פון הרבנית הצדיקת תחי׳ מיט א בקשה אז זי זאל מאכן ביי זיך אין שטוב א פארטי לטובת ״מוסדות יטב לב״. כאטש עס איז געווען פאר ראש השנה אין א שווערן אנגעצויגענעם זמן, האבן זיי מסכים געווען צו מאכן די פארטי לטובת די הייליגע מוסדות.

באלד דערנאך קומט צו א איד צום זיידן און ער גיט אים א גרעסערע טשעק, גענוי די סומע געלט וואס ער האט געדארפט האבן פארן דעפאזיט, און ער האט געבעטן אז ער זאל אים דאס אויפקעשן, זאגנדיג קלאר אז עס ברענט אים נישט דאס געלט און ער קען אים דאס אפגעבן אפילו עטליכע חדשים ארום.

ער האט קלאר געזעהן אז אזא אומגעוועלנליכע ערשיינונג, אז איינער זאל פלוצלונג קומען קעשן א טשעק און ער דארף נישט יעצט דאס געלט, און נאכדערצו די זעלבע סומע וואס ער האט יעצט געדארפט אזוי וויכטיג, דאס איז נאר בזכות פון העלפן דעם רבי׳נס הייליגע מוסדות. (מאיר גאלדבערגער, אליעזר גאלדבערגער, יחזקאל גאלדבערגער)

**תתתתשח) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה״ח ר׳ משה פאגעל הי״ו

### דער ריכטיגער דרך הלימוד, אין אונגארן

אין קרית יואל אין עטרת זקנים האט געוואוינט אן עלטערער איד הרה״ח ר׳ שלמה צבי הערצאג ע״ה פון נייטרא, האט ער דערציילט אז ווען עס איז ארויסגעקומען דער ספר ״משנה ברורה״ איז **הגה״צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ״ל** זייער נתפעל געווארן דערפון, און ער מיט נאך א בחור זענען געפארן קיין ראדין, ווילנדיג ווערן תלמידים פונעם **חפץ חיים** ז״ל.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום חפץ חיים און זיי האבן געזאגט אז זיי קומען פון סלאוואקיי, און זיי ווילן בלייבן לערנען אין די ליטא, האט זיי דער חפץ חיים געזאגט ״ביי ענק איז דא דער ריכטיגער דרך הלימוד, ביי אונז איז דאס נתקלקל געווארן״. און ער האט זיי מייעץ געווען צוריק צו פארן לערנען אין די אונגארישע ישיבות.

ווען א בחור פון נייטרא ישיבה איז אמאל געקומען צו **רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע** און געזאגט אז ער וויל גיין לערנען קיין ארץ ישראל, ווייל נייטרא איז א אונגארישע ישיבה און די אונגארישע קענען נישט לערנען, דעריבער וויל ער גיין לערנען אין א ליטווישע ישיבה.

האט אים דער רבי געזאגט ״פונקט פארקערט, ביי די ליטווישע איז דא ערליכע אידן, אבער לערנען קענען די אונגארישע אידן״. (אברהם בנימין גאלד, ירמי׳ מאיר גאלד)